ד. מ׳האט דאך מודיע געווען אז מ׳וועט לערנען צוויי רש"י׳ס, ווארום א חוץ דערוף וואס עס איז פ׳ ויקרא קומט צו נאך א ענין וואס עס איז חודש ניסן, און עס איז א יוצא מן הכלל, אעפ"י אז עס זיינען טוין כו"כ שבתים וואס עס איז געווען נאך א ענין א חוץ שבת, פונדעסטוועגן אבער דא איז א אויסנאם מיט דעם וואס עס איז ר"ה למלכים, ונשיא איז נוגע צו אלע אידן.

ווי עס שטייט אין אגה"ק אז א נשמה דארף מקיים זיין אלע תרי"ג מצוות, צי אין דעם גלגול אדער אין אנאנדער גלגול, א חוץ כמה מצוות ווי ער כאפט אן מצוות מלך וואס דער מלך איז דאס יוצא פאר אלע אידן.

און דאס געפינט מען בלויז בא א מלך, ניט בא א כה"ג, אעפ"י אז ער טוט דאס אויך פאר אלע אידן, און עס איז ניט נוגע צי מיר האלטן אז שלוחי דרחמנא, אדער שלוחי דידן, ווארום ווי מ׳זאל נאר ניט זאגן טוען זיי דאך די עבודה בשם כל ישראל.

פונדעסטוועגן אבער בא זיי געפינט מען ניט אז זיי זיינען דאס מוציא פאר אלע אידן, דאס געפינט מען בלויז בא א מלך, ווארום א מלך איז כולל אלע אידן.

און ווי רש"י זאגט עס אין פשוטו של מקרא אז הנשיא הוא הכל, אפי׳ אין פשט איז דאס אזוי, ובמילא איז דאס א ענין וועלכער איז נוגע צו אלעמען, און עס איז אויך נוגע לכל הזמן, ווארום ענין המלך איז דאס כל הזמן.

און דאס איז אויך די הפטרה פון היינטיקער פ׳, אעפ"י אז עס רעט זיך דארטן וועגן די עבודות וכו׳, בעיקר אבער רעט זיך דארטן וועגן נשיאים.

- וכנ"ל -



הנחה פרטית בלתי מוגה

וכנ"ל אז דאס פועל´ט אויך על כל הסנה, ווארום עס איז דאך דאטון הוא לכם לחדשי השנה, ניט בלויז אויף די הדשים נאר עס ווערט נמשך על כל השנה, במילא קומט אוים אז די רש"י וואס מען לערנט היינט איז דאס נוגע לכל השבתות כולם.

און דערפאר וועט מען לערנען אויך די רש"י פון ואשר נשיא יחטא וכו´ ווי רש"י זאגט אשרי הדור כו´, וואט בכלל טייטשט מען דאך אז דאס מיינט אזא נשיא שאין עליו אלא הוי´ אלקיו, ד.ה. ניט בלויז פון איין שבט, נאר ער איז א מלך על כל ישראל, רש"י אבער קאן דאס ניט ברענגען אין פשט, ווארום ער האט קיין הכרח ניט אויף דעם.

יעצס וועט מען צוגיין צו די צווייטע רש"י פון אשר נשיא יחטא, שטעלט זיך דארטן רש"י און איז מפרש, "לשון אשרי, אשרי הדור שהנשיא שלו נותן לב להביא כפרה על שגגתו ק"ו שמתחרט על זדונותיו.

ווארום אויך דארטן איז שווער אין פשוטו של מקרא, די גאנצע פ׳ שטייט דער לשון "אם" פארוואס מיט אמאל שטייט דא דער לשון "אשר"?

און דאס ווייס שוין דער קינד אז אשר איז מלשון "אשרי" ווארום ער האט שוין געלערנט אין פ׳ ויהי וואו עס שטייט בא אשר כי אשרוני וכו׳, ובמילא זאגט רש"י אז דאס מיינט מען אויך מלשון אשרי.

דא אבער זיינען פאראן צוויי קלאָץ קשיא׳ס:

א) דער אשרי הדור איז דאך ניט מצד דעם הטא, נאר דאס וואס ער ברענגט א כפרה וכו׳, האט דאך רש"י געדארפט אראפ ברענגען אויך דאס וואס עס שטייט ווייטער וועגן כפרה, אדער דא אראפ ברענגען א "וגו׳"?

ב) ווי קאן מען זאגן אין פשוטו של מקרא אז דאס מיינט מען מלשון אישור, ווי לייגט זיך אין שכל זאגן אז דאס איז פשוטו של מקרא?

- און -

און ווי מען זעט סאקע אז אנדערע מפרשים ביז אפי׳ דער רמב"ן, ברענגען אנדערע פירושים אויף דעם, ווי קאן מען זאגן אז רש"י וואס אני לא באתי לפרש אלא פשוטם של כתובים, זאל דא טייטשן מלשון אשרי?

ג) בשעת דא רעט זיך וועגן דעם נשיא זאגט רש"י אשרי הדור, דלכאו׳ וואו ווערט דא בכלל דערמאנט אז עס רעט זיך וועגן דער דור?

ד) דאס וואס רש"י ברענגט דא איז דאס גענומען געווארן פון א גמ׳, און רש"י איז משנה פון דער גמ׳.

אין גמ׳ ברענגט ער אז מה דאך דער נשיא בדענגט א כפרה וכו׳ ק"ו להדיוט, אז זיי ברענגען זיכער, ולכאו׳ דאס איז דאך א ענין עיקרי בנוגע לאשרי הדור, פארוואס איז רש"י דאס משמיט און ברענגט דאס אינגאנצן ניט, ולכאו׳ איז דאך עיקר חסר מן הספר, ער דערמאנט אינגאנצן ניט דער ענין פון ק"ו להדיוט?

ה) נאך א חילוק איז פאראן, די גמ׳ זאגט אז דער נשיא ברענגט א קרבן בפועל, משא"כ רש"י איז משנה און זאגט אז "נותן לב להביא כפרה" ולכאו׳ דא איז דאך נוגע דאס וואס ער ברענגט בפועל, פארוואס זאגט רש"י נותן לב, אבער ניט הבאה הקרבן בפועל?

וכפי שיתבאר לקמן, אז אלע ענינים זיינען בדיוק וכו׳.

ז. אין דעם ענין ווי אזוי א מלך קאן פועל'ן על ההדיוט, אז זיי זאלן זיך לערנען פון איהם, קאן זיין בב' אופנים.

א) באופן של דוגמא הי', בשעת מען זעט אז אפי' דער מלך, וואס א מלך בטבע איז דאך עניננו זיין א תקיף וכו' ווי דער קינד ווייס דאס פון פרעה אז ער איז געווען א מלך ביז אז ער איז געווען אזוי גרויס ביי זיך אז ער האט זיך געקענט איינריידן אז אלוקה אנכי, ועד"ז איז אברהם געווען א מלך און האט געהאט צו טאן מיט מלחמות וכו', ועד"ז איז געווען די ארבעה מלכים וואס האבן מלחמה געהאלטן מיט המשה מלכים כו', ובמילא וויבאלד אז דער מלך איז א תקיף בטבעו ומשכמו ולמע' גבוה כו', איז בשעת מען זעט אז ער אליין ברענגט א כפרה כו' און מה דאך אז דער מלך אליין קומט איצטער און ברענגט א קרבן פאר א שוגג, ניט א ענין של מזיד, נאר א שוגג (ווי גערעט אמאל אז דאס איז בדוגמת א פייער וואס אפילו א בהמה היט זיך דערפון, און אויב די בהמה לויפט אין א פייער איז זי א משוגענע בהמה כ', ועד"ז בא א איד אפי' בשוגג ווי קומט צו א איד טאן א ענין וואס איז היפוך דעם אויבערשטן).

ובמילא לערנען זיך אלע אידן אפ פון איהם אז כ"ש זיי דארפן זיכער ברענגען א כפרה אויף זייערע עבירות.

ב) אדער דאס קומט ע"י השפעתו של המלך וואס ער רעט פאר אידן וכו' און פועל'ט אויף זיי אז זיי זאלן ניט טאן קיינע עבירות און בשעת זיי טוען זאלן זיי ברענגען א כפרה.

וואס וועט כאפן דער חילוק ווי עס פועל'ט אויף די אידן.

איז דער נפק"מ בא כהן משיח, א כהן גדול, אויב די השפעה קומט בדרך ממילא, ווייל מ'לערנט זיך פון איהם אפ, דעמאלט דארף דאס זיין אויך בא א כהן גדול, ווארום אויך ער איז גדול מאחיו כו' און ער האט נאך זכות אבות וכו'.

– ואדרבה –



הנחה פרטית בלתי מוגה

ואדרבה ער איז דער איינציקער וואס קאן אריין גיין אין קדשי הקדשים, און ער האט זכות משא"כ א מלך, איז ניט מוכרח אז ער זאל האבן בכוה אבות, ווארום עס קאן זיין א מלך אפי' אן זכות אבות, ווי מען זעט דאס בא אברהם וכו', ובמילא באופן כזה דארף ער דאך אויך פועל'ן אויף אידן.

רש"י לערנט דאך אבער פשוטו של מקרא, און אין פשוטו של מקרא בשעת עס רעט זיך וועגן א כהן שחטא, שטייט ניט דער ענין פון "אשר" אז מען לערנט זיך ארויס פון איהם, ואדרבה בא איס שטייט גאר לאשמת העם ווי רש"י איז דארטן מפרש אז פון דעם ליידט דער עם (דער ערשטער פירוש איז ניט מספיק ווארום לפי זה האט געדארפט שטיין "כאשמה העם" ניט-"לאשמת העם"),

איז אויב די פעולה אויף אידן קומט בדרך ממילא, דארף דאך דאס שטיין אויך בא א כהן גדול.

דעריבער נעמט רש"י ארויס אין פשוטו של מקרא אז דא מיינט מען ניט אזא ענין וואס קומט בק"ו (ווי די גמ' זאגט) וואס דאס איז א ענין וואס מ'לערנט זיך פון איהם, נאר דא מיינט מען א ענין וואס קומט ע"י דיבורו של מלך, ובמילא דאס איז שייך בלויז בא א מלך, ניט אבער בא א כהן.

דערפאר ברענגט ניט רש"י ווי עס שטייט אין גמ' "ק"ו" ווארום דאס מיינט א ענין וואס מען לערנט זיך ארויס פון איהם בדרך ממילא, לפי זה אבער האט עס געדארפט שטיין אויך בא א כהן גדול כנ"ל, ובמילא מוז מען זאגן אז דער מלך רעט מיט אידן וועגן דעם וכו'.

. לפי זה איז אויך פארשטאנדיק וואס רש"י זאגט "נותן לב" ווארום דא איז ניט נוגע זען ווי ער ברענגט בפועל דעם קרבן, עס איז נאר נוגע וויסן דעם תכונת הנפש פון דער מלך, אז דאס אליין וואס נותן לב וכו' זעט מען דאך אז בא איס ער וויל וויסן צי דאס איז א עבירה וכו ' ער זאל ברענגען א קרבן וכו', בממילא פארשטייט זיך שוין אז ער באווארנט אידן זיי זאלן זיך אפהיטן פון עבירות וכו'.

און דערפאר ברענגט אויך רש"י ניט וועגן די כפרה, ווארום עס איז ניט נוגע דער פועל, נאר עצם הענין וואס חטא און אויף דער וויל ער טאן תשובה דאס אליין ווייס מען שוין ווי ער איז משפיע אויף אלע אידן.

עס בלייבט אבער נאך שווער וואו רעטזיך דא בכלל וועגן דעם דור? וכפי שיתבאר לקמן.

ח. רש"י שטעלט זיך דא, און עס ארט איס פארוואס שטייט אשר ניט אם ווי עס שטייט פריער?

און אויף דעם קומט ער און איז מבאר, גלייך פריער שטייט חטאת הקהל הוא אז אלע אידן האבן תשובה געטאן, ולכאו' פון וואנענט נעמט זיך טאקע הא גופא אז אלע אידן אין איינעם זאלן אלע תשובה טאן, בשעת פריער האבן זיי אלע געזינדיקט, און בשעת מען ברענגט א קרבן דארף דאך זיין שב מידיעתו.

ובפרט נאך אז איז ניט געוועזן זיין שולד, עס איז דאך

- געוועזן -

געוועז דער שולד פון די וועלכע האבן געמאכט א טעות און גע׳פסק׳נט עס איז מותר, ווי רש"י זאגט שעשו ציבור על פיהם, איז ווי קומט עס טאקע אז חטאת הקהל הוא, אלע זאלן תשובה טאן?

אויף דעם קומט רש"י און זאגט אשרי הדור שהנשיא כו׳ אז דאס נעמט זיך מצד השפעתו של הנשיא המלך, ובמילא האט ער גע׳פועל׳ט אז אלע זאלן תשובה טאן.

און דאס איז וואס רש"י זאגט "אשרי <u>הדור</u>" דאס מיינט מען דעם דור פון פריער וואס עס שטייט חטאת <u>הקהל</u> הוא, מצד דערוף איז פאראן דער חטאת הקהל מצד דעם נשיא.

עס איז ניט קיין קשיא פארוואס רש"י כאפט ניט אן "קהל" נאר "דור".

ווארום רש"י האט שוין געזאגט פריער בא קהל גוים, אז קהל מיינט מען ניט אלע אידן נאר א שבט, דא אבער רעט זיך דאך וועגן אלע אידן, דעריבער זאגט רש"י דור, ווי עס שטייט כל עדת ישראל.

ווי קאן מען אבער זאגן אז דאס איז פשוטו של מקרא, האט אבער שוין רש"י ארויס געגעבן דעם כלל פריער אין לאשמת העם אז עס איז פאראן ופשוטו לפי האגדה, ועד"ז דא, איז דאס א ענין פשטות לפי מדרש, ווארום דער קינד ווייס שוין אז עס איז פאראן א ענין פון פשוטו לפי האגדה, במילא ווייס ער אויך דא, אז ויבאלד עס שטייט "אשר" און ניט "אם" ווי עס שטייט פריער, איז פאראן פשוטו לפי אגדה, אז דאס מיינט מען מלשון אשרי.

(אמר לעיל קצה) ובאמת שטייט שוין פריער בהתחלת הפרשה "אם נפש תחטא" גייט דאך דאס אויף אלע ענינים וואס עס ווערן אויס גערעכנט ווייטער, ד.ה. אז אויך בא מלך איז פאראן דער לשון "אם", דא קומט נאר צו דער לשון אשר מלשון אשרי (איננו ברור).

ובעבודה איז דער ענין: אלע ענינים אין תורה איז פאראן סיי בכללות און סיי בפרטיות, עס איז פאראן ענין המלך בכללות בא אידן, דערנאך איז פאראן בפרטיות בא יעדער איד, איז פאראן ענין המלך, און דאס איז דער מוח, וואס ער איז שליט על הלב, ער פועל׳ט אויף׳ן לב, און לבא פליג לכל שייפין אין אלע אברים וכו׳.

און דערפאר זעט מען אויך אז ראש איז בגובה של הגוף, וויבאלד אז עס קומט דער ערשטער, און ער פועל׳ט אויף אלע אברים.

און בשעת עס איז מוח שליט על הלב, דאס איז דער שליסל פאר כללות העבודה.

און דא זאגט מען אז בשעה דער נשיא וואס דאס איז דער מוח ער וויל טאן תשובה, דעמאלט איז במילא נותן לב פועל׳ט עס אויף דער לב.

און גלייך בשעת ער טוט א מזיד איז (חסר איזה תיבה), נאר אפי׳ א שוגג, ואפי׳ א ספק שוגג, טראכט ער ניט צי ער האט אויף דעם א הירוץ וכו׳ נאר די ערשטע זאך איז וואס ער וויל טאן תשובה, ווארום אפי׳ א ספק שוגג ווי קומט א ספק שוגג צו א אידן.

וכמבואר בנוגע צו א בהמה לגבי דיני שומרין, אז בשעת

- עס -



<u>הנחה פרטית בלתי מוגה</u>

עס איז פארהאן א בהמה, דעמאלט לויפט זי אוועק, בשעת עס איז א בהמה וואס לויפט אין פייער, דעמאלט איז דאס א משוגענע און מ'איז פטור פון אלע ענינים של תשלומין.

וואס דאס איז אפי' בא א בהמה וואס איר שכל איז בלויז שכל הנקנה, כ"ש בא א אידן, וואס ער זאל נאר ניט זיין, ווי קומט ער טאן היפך פון דעם אויבערשטן.

און כנ"ל ער טראכט זיך ניט אריין אפשר איז ער געווען גערעכט, נאר די ערשטע זאך איז וואס ער איז נוהג לב להביא כפרתו.

ניט קוקנדיק וואס על כל פשעים תכסה אהבה וכו' והשוחד יעור עיני חכמים וואס עפ"י התורה ווערט ער אנגערופן א חכם, און פונדעסטוועגן זאגט מען אז יעור עיני חכמים און עס איז ניטא קיין גרעסערער שוחד ווי אהבת עצמו.

ועד"ז א מלך אע"פ וואס ער האט התנשאות עצמי, ומשכמו ולמע' גבוה כמבואר הפירוש אז אפי' מדות שבשכל איז אויך העכער ווי שכל פון סתם עס, און פונדעסט וועגן קוקט ער ניט אויף דעם נאר ער וויל טאן תשובה.

ובשעת עס איז באופן כזה, אז מוח שליט על הלב ווי עס איז בתולדתו, דעמאלט איז דאס מלך כמבואר בספרי קבלה, וואס מלך איז ר"ת מוח לב כבד, און דער מ' איז מוח ווארום ער איז דער עיקר.

וכמבואר באגה"ק אז דער ערשטער אות פון דעםווארט דאס איז עיקר התיבה און ער איז כולל כל התיבה, וזהו הענין של ר"ת, און דעמאלט בשעת עס איז אזוי אין ראש פועל'ט ער במילא אין דעם לב, ולבא פליג וכו' בכל האברים.

ועד"ז בא די וועלכע זיינען מלכים, וואס זיי פירן אן מיט די משפחה, ועד"ז דער וואס האט א השפעה אויף א קהילה אדער א סוג אידן וכו', איז דורך דערוף וואס אין ראש איז דאס אזוי פועל'ט דאס במילא אויך על כאו"א.

און דאס פועל'ט אוך אז והי' הוי' למלך על כל הארץ וגו'.

דאס איז אויך פארבונדן מיט דערוף וואס עס איז פאר פסח, ושואלים ודורשים כו' ל' יום, איז די וועלכע האבן נאך ניט געטאן אין דעם, איז דאך פאראן כנ"ל וואס רשב"ג זאגט אז עס הויבט זיך אן פון ראש חודש שהרי משה עומד כו'.

ובמילא די אלע וועלכע האבן השפעה דארפןריידן וועגן כל עניני פסח, ביז דער ענין פון מצה שמורה וכו' ווי גערעדט און אפגערעט די פרטים בזה וכו'.

און דורך דערוף וואס ער פועל'ט דאס בא זיך, פועל'ט דאס במילא על כאו"א וכו' ביז אז ער פועל'ט והיתה להוי' המלוכה והי' הוי' למלך דורך היום אם בקולו תשמעו ביאת משיח צדקינו בקרוב ממש.